בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ

גִּלָּיוֹן

# שִׁיעוּרֵי חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

פְּרַאקְטִישֶׁע עֵצוֹת אוּן הַדְרָכוֹת פַאר עֶלְטֶערְן, מְלַמְּדִים, מְחַנְּכִים אוּן מְחַנְּכוֹת

גליון כ"ד

פרשת ראה תשפ"ג

מוסדות היכל הקודש ברסלב

## שִׁיעוּרִים אִין חִנּוּךְ

פַּרְשַׁת שְׁלַח, שְׁנַת תשפ"ג -קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א

**מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף זֶענֶען מִיר מַמְשִׁיךְ מִיטְ'ן שִׁיעוּר וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן פַאר דִי מְחַנְּכִים אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּערְטִי יע"א, דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת שְׁלַח שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן.**

### בִּיטֶערֶע אוּן נֶעגֶעטִיוֶוע קִינְדֶער

אַז מֶען זֶעט אַ קִינְד טְשֶׁעפֶּעט, אַ קִינְד אִיז בִּיטֶער, דַארְף מֶען טְרַאכְטְן מִיט רַחְמָנוּת, אֶפְשָׁר קוּמְט דֶער קִינְד פוּן אַ שְׁטוּב וָואס מֶען גֶעבְּט נִישְׁט קַיין וַוארֶעמְקֵייט, דָאס קִינְד בַּאקוּמְט נִישְׁט קַיין לִיבְּשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים.

אֲפִילוּ מֶען מֵיינְט אִיךְ קֶען זַיינֶע עֶלְטֶערְן, זֵיי זֶעעֶן אוֹיס צוּ זַיין זֵייעֶר ווּאוֹילֶע מֶענְטְשְׁן, זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס אִינְדְרוֹיסְן שְׁטֶעלְן זֵיי זִיךְ אַרוֹיס אַלְס פֵיינֶע מֶענְטְשְׁן אוּן אִינְדֶערְהֵיים זֶענֶען זֵיי שְׁלֶעכְט, אָדֶער פָּשׁוּט וֵוייסְן זֵיי נִישְׁט ווִי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אִין שְׁטוּב, שְׁטִילֶערְהֵייט פַּיינִיגְן זֵיי דִי קִינְדֶער. אוּן קֵיינֶער וֵוייסְט דָאס נִישְׁט, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בַּיים צְוֵוייטְן, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וָואס טוּט זִיךְ בַּיים שָׁכֵן אִין שְׁטוּב, דֶערְפַאר קוּמְט דָאס קִינְד אִין חֵדֶר בִּיטֶער אוּן נֶעגֶעטִיוו, דַארְף מֶען ווִיסְן אַז דֶער קִינְד אִיז נֶעבֶּעךְ נִישְׁט שׁוּלְדִיג.

### דִיר אִיז דָאךְ גוּט!

אִיךְ קֶען עֶנְק נִישְׁט מַסְבִּיר זַיין וָואס עֶס טוּט זִיךְ אָפּ אִין יְשִׁיבוֹת אַ וָואךְ פַאר קֶעמְפּ, שְׁפִיכוּת דָמִים מַמָּשׁ, דִי בָּחוּרִים זֶענֶען זִיךְ מְסַדֵּר שְׁטִיבֶּער אוּן בֶּעטְן וואוּ מֶען גֵייט שְׁלָאפְן אִין קֶעמְפּ, עֶס ווֶערְט רַאבֶּערֵייעְן צְווִישְׁן בָּחוּרִים, דֶער ווִיל נִישְׁט שְׁלָאפְן נֶעבְן דֶעם אוּן דֶער ווִיל נִישְׁט שְׁלָאפְן נֶעבְן יֶענֶעם, מֶען טְשֶׁעפֶּעט זִיךְ אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן, **"דוּ שְׁלָאפְסְט נִישְׁט אִין מַיין שְׁטוּב"**, **"אִיךְ ווִיל נִישְׁט שְׁלָאפְן נֶעבְן דִיר"**, בִּיז עֶס זֶענֶען דָא בָּחוּרִים וָואס וֵויינֶען אוּן ווִילְן נִישְׁט גֵיין אִין קֶעמְפּ צוּלִיבּ דֶעם.

ווֶען אִיךְ בִּין גֶעוֶועזְן אַ מְלַמֵּד הָאבּ אִיךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט אַז מַיין כִּתָּה זָאל זִיךְ קְרִיגְן, פְלֶעג אִיךְ הֶעלְפְן מַאכְן דִי שְׁטִיבֶּער אוּן בֶּעטְן, אַלְץ הָאבּ אִיךְ גֶענוּמֶען דִי קִינְדֶער מִיט דִי גוּטֶע נַאטוּרְן אִיךְ הָאבּ זֵיי גֶעזָאגְט: **"דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ בָּחוּר מִיט גוּטֶע מִדּוֹת, דוּ ווֶעסְט שְׁלָאפְן נֶעבְן דֶעם בָּחוּר"**, זֵיי פְלֶעגְן מִיר פְרֶעגְן: **"וָואס הֵייסְט? וַוייל אִיךְ בִּין אַ גוּטֶער מוּז אִיךְ יֶעדֶעס יָאר שְׁלָאפְן אִין אֵיין שְׁטוּב מִיט דֶער נֶעגֶעטִיוֶוער בָּחוּר אוּן אִים נָאךְ נָאכְגֶעבְּן עֶר זָאל קֶענֶען אוֹיסְוֶועלְן וואוּ צוּ שְׁלָאפְן אוֹיבְן, אוּנְטְן, נֶעבְן דִי טִיר אָדֶער נֶעבְן דִי שֶׁענְקְל?!"** פְלֶעג אִיךְ זֵיי עֶנְטְפֶערְן: **"פְרֵיי זִיךְ אַז דוּ הָאסְט אַ גוּטֶער נַאטוּר, אִים אִיז נֶעבֶּעךְ בִּיטֶער, דַארְף מֶען אִים נָאכְגֶעבְּן אַוֶועק צוּ נֶעמֶען זַיין בִּיטֶערְקֵייט, אָבֶּער דִיר אִיז דָאךְ גוּט!"**

מֶען דַארְף נֶעמֶען דִי קִינְדֶער מִיט דִי גְרִינְגֶער נַאטוּרְן אוּן בֶּעטְן: **"דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ גוּטֶער, זַיי אַ חַבֵר פַאר דֶער קִינְד וָואס הָאט נִישְׁט קַיין חֲבֵרִים, זֵיי מְוַותֵּר פַאר אִים, גֶעבּ אִים נָאךְ, פַארְבְּרֶענְג מִיט אִים"**. מֶען דַארְף טוּן אַלֶע עֶרְלֵיי שְׁפִּיצְלֶען אוּן הַמְצָאוֹת אַבִּי דֶער כִּתָּה זָאל זַיין בְּאַחְדוּת.

### פַארְוָואס הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע?

עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג פַאר לֶערֶערִינְס זִיךְ אָפְּצוּרֶעדְן: **"מֶען קְרִיגְט זִיךְ, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אוּן מֶען קְרִיגְט זִיךְ"**, אָבֶּער צוּלִיבּ דֶעם הָאבְּן מִיר גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע! מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע כְּדֵי מִיר זָאלְן אַרוֹיס גֶעבְּן קִינְדֶער וָואס קֶענֶען שֵׁיין שְׁרַייבְּן, גוּט סְפֶּעלְן, גוּט רֶעכֶענֶען אוּן וֵוייסְן פִּינְקְטְלִיךְ דִי הִיסְטָארִיעֶ פוּן אַמֶערִיקֶע, מֶען לֶערְנְט עֶס בַּיי אוּנְז אִין שׁוּלֶע אוּן אִיךְ ווֶעל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דִי קִינְדֶער ווֶעלְן קֶענֶען גוּט שְׁרַייבְּן; אַסַאךְ מָאל בַּאקוּם אִיךְ בְּרִיוְון פוּן קִינְדֶער וָואס אִיךְ קֶען בִּכְלַל נִישְׁט לֵיינֶען, קִינְדֶער טוֹישְׁן אוֹיף אַ גִּימֶל מִיט אַ ז', אִיךְ דַארְף זִיךְ פְּלָאגְן צוּ פַארְשְׁטֵיין וָואס עֶס שְׁטֵייט דָארְט גֶעשְׁרִיבְּן.

אָבֶּער אִיךְ זָאג עֶנְק דֶעם אֱמֶת, נִישְׁט אוֹיף דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעמַאכְט דִי שׁוּלֶע! - אֱמֶת אַז מֶען דַארְף אָנְפִילְן דֶעם טָאג מִיט אַ סֵדֶר הַיּוֹם, מֶען דַאוֶוענְט, מֶען שְׁרַייבְּט, מֶען רֶעכְנְט. וָואס דִי מְנַהֶלֶת זָאגְט צוּ טוּן דַארְף מֶען זִיךְ אָנְגְרֵייטְן פוּן פָארְאוֹיס, מֶען קֶען נִישְׁט אָנְקוּמֶען אִין שׁוּלֶע אוּן פְרֶעגְן: **"וָואס טוּ אִיךְ הַיינְט מִיט דִי קִינְדֶער?"** אִיר זֶענְט נִישְׁט גֶערֶעכְט! דָאס אִיז נִישְׁט אַ דְזְשָׁאוֹק, מֶען דַארְף זַיין אָנְגֶעגְרֵייט פִּינְקְטְלִיךְ וָואס מֶען גֵייט טוּן אַ גַאנְצְן טָאג, - אָבֶּער דֶער עִיקָר פַארְוָואס מִיר הָאבְּן גֶעעֶפְנְט דִי שׁוּלֶע אִיז אַז אִיר זָאלְט רֶעדְן צוּ דִי קִינְדֶער פוּן גוּטֶע מִדּוֹת נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

אִינְמִיטְן לֶערְנֶען, אִינְמִיטְן שְׁרַייבְּן, אִינְמִיטְן רֶעכֶענֶען, זָאגְטְס פַאר דִי קִינְדֶער: קִינְדֶער, עֶטְס זֶענְטְס אַזוֹי ווּאוֹיל, ווֶעל אִיךְ עֶנְק דֶערְצֵיילְן אַ מַעֲשֶׂה. עֶס אִיז אַבִּיסְל שְׁרֶעקֶעדִיג, אָבֶּער צוּם סוֹף עֶנְדִיגְט זִיךְ עֶס גוּט. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶועזְן אַ קִינְד וָואס אִיז גֶעוֶוען דִי בֶּעסְטֶע מֵיידְל פוּן קְלַאס, אָבֶּער זִי הָאט גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, זִי הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן זִי הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין קִינְדֶער, בִּיז זִי הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט אַז זִי לַיידְט ווֶעגְן זִי הָאט אַלְס קִינְד גֶעטְשֶׁעפֶּעט אַנְדֶערֶע מֵיידְלֶעךְ, הָאט זִי אוֹיפְגֶעזוּכְט אַלֶע אִירֶע אַלְטֶע חַבֶרְ'טֶעס, זִי הָאט יֶעדְן אָנְגֶערוּפְן אוּן אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן, ווֶען אַלֶע הָאבְּן אִיר מוֹחֵל גֶעוֶוען הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָנְגֶענוּמֶען אִירֶע תְּפִילּוֹת, אוּן זִי הָאט גֶעהַאט קִינְדֶער.

### קִינְדֶער הֶערְן יָא אוֹיס

מֶען דַארְף אַסַאךְ רֶעדְן צוּ קִינְדֶער, אֵיינְמָאל, נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, - אֵיי, **"אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ מָאל גֶערֶעדְט אוּן זֵיי הֶערְן מִיךְ נִישְׁט אוֹיס!"** - דָאס אִיז נִישְׁט אֱמֶת, קִינְדֶער הֶערְן יָא אוֹיס, נָאר יֶעצְט זֶעט מֶען נָאכְנִישְׁט דִי פֵּירוֹת, בַּאלְד ווֶעט אַרוֹיס קוּמֶען דִי שֵׁיינֶע פֵּירוֹת.

### אִיךְ הָאבּ דָאס דָאךְ אוֹיךְ גֶעטוּן

גֶעדֶענְקְט אַז אִיר זֶענְט אוֹיךְ נִישְׁט אִינְגַאנְצְן מְסוּדָר, אִיר זֶענְט אוֹיךְ נִישְׁט הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אוֹיסְגֶעהַאלְטְן אִין אַלֶעס, אוּן אִיר ווִילְט נָאכְאַלְץ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָנְנֶעמֶען אַייעֶרֶע תְּפִלּוֹת, אִיז דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְפְט אִיר קֶענֶען אָנְנֶעמֶען דִי קִינְדֶער, אֲפִילוּ זֵיי זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט.

›››

## הַמְשָׁךְ
# שִׁעוּרִים אִין חִינוּךְ

פָּרָשַׁת שְׁלַח, שְׁנַת תשפ״ג -קִרְיַת בְּרֶסְלֶב - לִיבֶּעְרְטִי יע״א

אִיךְ זִיץ אַ גַאנְצְן טָאג אִין יְשִׁיבָה מִיט בָּחוּרִים, אַסַאךְ מָאל זֶע אִיךְ וִוי אַ בָּחוּר דְרֵייְדט אִיבֶּער אַ טִישׁ, עֶר שְׁפְּרִינְגְט אִיבֶּער אַ טִישׁ, אַנְשְׁטָאט זִיךְ יֶעצְט רֶעגְן אוֹיף דֶעם בָּחוּר, טְרַאכְט אִיךְ אַלְץ צוּ מִיר: 'אִיךְ הָאבּ דָאס דָאךְ אוֹיךְ גֶעטוּן אַלְס בָּחוּר! מֶען וָואלְט מִיר אוֹיךְ גֶעדַארְפְט הַרְגְ'עֶנֶען פַּארְ'ן דָאס טוּן?!' דָאס בַּארוּאִיגְט מִיר.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ וֶוען אִיךְ הֶער אַז אֵיינֶער הָאט גֶעמַאכְט אַ פֵייעֶר אָדֶער אוֹיפְגֶעבְּרָאכְן אַ שְׁלָאס וְכַדוֹמֶה, טְרַאכְט אִיךְ צוּ מִיר: 'אִיךְ הָאבּ דָאס דָאךְ אוֹיךְ גֶעטוּן אַלְס בָּחוּר, אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט פֵייעֶרְס אוּן גֶעבְּרָאכְן שְׁלֶעסֶער'.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז אִיךְ טְרַאכְט דָאס שְׁטִילֶערְהֵייט, אִיךְ גֵיי נִישְׁט יֶעצְט זָאגְן פַאר דִי בָּחוּרִים 'מַאכְט פֵייעֶרְ'ס אוּן צֶעבְּרֶעכְט שְׁלֶעסֶער'... אִיךְ זָאג אָן: **"מַאךְ נִישְׁט קַיין פֵייעֶר"**, **"צֶעבְּרֶעךְ נִישְׁט קַיין שְׁלֶעסֶער"**, אוּן **"אוֹיבּ הָאסְטוּ שָׁאדְן גֶעמַאכְט פְרֶעג אַ שְׁאֵלָה צִי דוּ דַארְפְסְט עֶס בַּאצָאלְן"**, אָבֶּער אִיךְ וֶוער נִישְׁט גֶערֶעגְט אוֹיף אִים.

לֶערֶערִינְס דַארְפְן וִויסְן, אַז אִיר הָאט אַ קִינְד אִין אַייעֶר כִּתָּה וָואס קוּמְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס מִיט אַייךְ, זִי זָאגְט אַלֶעס פַארְקֶערְט וְכוּ', טְרַאכְט אַרַיין, אֶפְשָׁר הָאט אִיר דָאס אוֹיךְ גֶעטוּן אַלְס קִינְד, זֶענְט אִיר גֶעוֶוען שְׁלֶעכְט?! - נֵיין, דָאס אִיז פָּשׁוּט אַ נַאטוּר פוּן אַ קִינְד וָואס אִיז אִין אַ לָאךְ אוּן מֵיינְט אַז דִי לֶערֶערִין הָאט אִיר פַיינְט.

### דִי רֶענְצְל וָואס מֶען נֶעמְט מִיט

גֶעדֶענְקְט דֶעם כְּלַל: 'וָואס מֶען טוּט פַאר זִיךְ, לָאזְט מֶען דָא אִיבֶּער, וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם, נֶעמְט מֶען מִיט אוֹיבְן!' דָאס אִיז אַ גוּט וָוארְט, מֶען דַארְף מַאכְן פוּן דֶעם אַ שֵׁיינֶע צֶעטְל מֶען זָאל עֶס גֶעדֶענְקֶען.

מֶען דַארְף טוּן פַאר זִיךְ, אִיךְ וִויל נִישְׁט אִיר זָאלְט וואוֹינֶען נָאכְגֶעלָאזְט, מֶען דַארְף פְלַאנְצְן בֵּיימֶעלֶעךְ אַרוּם דִי הוֹיז, מֶען דַארְף הָאבְּן אַ שֵׁיינֶע גָארְטְן אַרוּם דִי הוֹיז, מֶען דַארְף בּוֹיעֶן אַ נֵייעֶ קָאךְ, מֶען דַארְף אִיבֶּער בּוֹיעֶן דִי הוֹיז, אָבֶּער דִי אַלֶע זַאכְן וֶועלְן דָא בְּלַייבְּן, נָאר וָואס מֶען טוּט פַאר יֶענֶעם דָאס נֶעמְט מֶען מִיט, דָאס גֵייט אַרַיין אִינֶעם רֶענְצְל וָואס מֶען נֶעמְט מִיט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

### יֶעצְט אִיז נִישְׁט מַיינֶע שָׁעוֹת...

מְלַמְדִים אוּן לֶערֶערִינְס דַארְפְן וִויסְן, מֶען קֶען אוֹיפְלֶעבְּן אַ קִינְד מִיט אַ גוּט וָוארְט! דֶער קִינְד דַארְף נִישְׁט זַיין אַייעֶר תַּלְמִיד, אַז דֶער קִינְד לֶערְנְט נִישְׁט אִין אַייעֶר כִּתָּה אוּן אַז יֶעצְט אִיז נִישְׁט אַייעֶר צַייט צוּ זַיין מִיט דִי קִינְדֶער, אִיז וָואס? קוּמְט אִים נִישְׁט קַיין שְׁמֵייכְל?! לְהַבְדִּיל בַּיי דִי אוּמוֹת הָעוֹלָם אִיז דָא אַזַא זַאךְ, גוֹיִם זִיצְן אִין זֵייעֶר הַצָּלָה אַמְבּוּלַאנְס, זֵיי שְׁפִּילְן זִיךְ מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן אוּן עֶס קוּמְט אַרַיין אַ רוּף - וֶוען עֶס אִיז נִישְׁט זֵייעֶר צַייט צוּ גֵיין רַאטֶעוֶוען - אַז נֶעבְּן זֵיי אִיז דָא אֵיינֶער וָואס הָאט גֶעכַאפְּט אַן הַארְץ אַטַאקֶע, בְּלַייבְּן זֵיי שְׁפִּילְן מִיטְ'ן טֶעלֶעפָאוֹן, וַוייל 'יֶעצְט אִיז נִישְׁט מַיינֶע שָׁעוֹת'...

בַּיי אַ אִיד אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ; וָואס הֵייסְט יֶעצְט אִיז נִישְׁט דַיינֶע שָׁעוֹת?! מִיר זֶענֶען פִיר אוּן צְוָואנְצִיג שָׁעָה קְנֶעכְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן!

וֶוען מֶען זֶעט אַ קִינְד הָאט זִיךְ צֶעקְלַאפְּט אוּן וֵויינְט, אָדֶער מֶען זֶעט וִוי אַ קִינְד דְרֵייְדט זִיךְ אַרוּם אִין שׁוּלֶע עֶפֶּעס פַארְזָארְגְט, מֶען זֶעט נִישְׁט דִי גְלַאנְץ אוֹיפְ'ן פָּנִים, עֶס אִיז נִישְׁט דָא דִי פֵייעֶר אִין דִי אוֹיגְן, מֶען זֶעט אַ טוֹיטְקֵייט אוֹיפְ'ן קִינְד, דַארְף מֶען זִיךְ אִינְטֶערֶעסִירְן וָואס דָא גֵייט פָאר, וָואס אִיר קֶענְט אִיר הֶעלְפְן. אֲפִילוּ דָאס קִינְד אִיז נִישְׁט מַיין תַּלְמִידָה, אִיךְ בִּין אַ הוֹיךְ שׁוּלֶע לֶערֶערִין אוּן דָאס קִינְד אִיז אַ קְלֵיין קִינְד, אִיךְ בִּין נִישְׁט עֶפֶּעס אַ קִינְדֶערְגַארְטְן לֶערֶערִין... אִיז וָואס?! וואוּ הוֹיךְ זֶענְט אִיר, אוֹיפְ'ן שְׁפִּיץ בַּארְג?... אָדֶער אִיר זֶענְט אַ קִינְדֶערְגַארְטְן לֶערֶערִין אוּן דָאס קִינְד אִיז אַן עֶלְטֶערֶע קִינְד, אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט אִיז נִישְׁט אַייעֶר צַייט צוּ אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי קִינְדֶער, גֵייט צוּ צוּם קִינְד, פְרֶעגְט אִיר: **"וָואס הֶערְט זִיךְ? אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ אַרַיין קוּמֶען אִין מַיין כִּתָּה? אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ מִיר הֶעלְפְן מְסַדֵּר זַיין זַאכְן? אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ מַאכְן קַאפִּיס פַאר מִיר? אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ אַרַיין קוּמֶען אִין מַיין כִּתָּה אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דִי קִינְדֶער פַאר אַפָּאר מִינוּט? אֶפְשָׁר ווִילְסְטוּ מִיר עֶפֶּעס בְּרֶענְגֶען?"**

אַז אִיר הָאט אִיר נִישְׁט צוּ גֶעבְּן קַיין אַרְבֶּעט, גֶעבְּט כָאטְשׁ אַ גוּט וָוארְט, "דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר גוּט! דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר שֵׁיין! דוּ זֶעסְט אוֹיס זֵייעֶר צַאמְגֶענוּמֶען!"

דָאס אִיז אֲפִילוּ מִיט קִינְדֶער וָואס לֶערְנֶען נִישְׁט בַּיי מִיר, אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי דִי אֵייגֶענֶע תַּלְמִידִים אוּן תַּלְמִידוֹת דַארְף מֶען זִיכֶער זֶען צוּ גֶעבְּן פַאר יֶעדְן קִינְד אַ גוּט וָוארְט. מִיר מַאכְן נִישְׁט קַיין גְרוֹיסֶע כִּיתּוֹת, מִיר פְּרוּבִּירְן צוּ מַאכְן צְוֵויי קְלֶענֶערֶע כִּיתּוֹת וַוייל אִיךְ וִויל מֶען זָאל קֶענֶען אָנְקוּמֶען צוּ יֶעדֶעס קִינְד בַּאזוּנְדֶער.

# חִיזּוּק פַאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

### עֵצוֹת פוּן מָשִׁיחַ

טַייעֶרֶע חָשׁוּבְ'עֶ עֶלְטֶערְן; גֶעלוֹיבְּט דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אַז מִיר הָאבְּן זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ מְקוּרָב וֶוערְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז עֵצוֹת וִוי אַזוֹי צוּ קֶענֶען זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט אַ לֶעבְּן וָואס מֶען לֶעבְּט אִין גַן עֵדֶן.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רסו): צְוִוישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁט דָא קַיין חִילוּק, וָואס אִיךְ זָאג – דָאס זָאגְט מָשִׁיחַ, וָואס אִיךְ לֶערְן מִיר עֶנְק – דָאס וֶועט מָשִׁיחַ לֶערְנֶען מִיט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. אִיךְ זָאג מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ זָאג מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אוּן מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן מֶען זָאל זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, אֵיין חִילוּק אִיז דָא, יֶעצְט אִיז נָאךְ דָא דִי בְּחִירָה צִי מֶען זָאל יָא פָאלְגְן אָדֶער נִישְׁט פָאלְגְן, בַּיי מָשִׁיחַ וֶועט מֶער נִישְׁט זַיין קַיין בְּחִירָה, מָשִׁיחַ וֶועט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַזַא גֶעטְלִיכְקֵייט אִין דִי וֶועלְט אַז יֶעדֶער וֶועט אָנְנֶעמֶען וָואס מָשִׁיחַ וֶועט זָאגְן; הַיינְט דַארְף מֶען הָאבְּן חִיזּוּק אֵיינְמָאל אוּן נָאכְאַמָאל, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט דַארְפְן קַיין חִיזּוּק צוּ פָאלְגְן.

בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מֶען קֶען זִיךְ צוּזַאמְנֶעמֶען אוּן אִיבֶּער חַזֶרְ'ן דִי עֵצוֹת, דִי חִיזּוּק וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז, וִוי אַזוֹי מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין פְרֵיילִיךְ, אַז מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, מִיט עֶרְלִיכֶע דוֹרוֹת אוּן הָאבְּן נַחַת פוּן דִי קִינְדֶער אוּן אֵיינִיקְלֶעךְ.

בַּיים הַיינְטִיגְן שִׁיעוּר וֶועלְן מִיר אַבִּיסְל אַרוּם רֶעדְן וֶועגְן חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת. מִיר זֶענֶען אָט אַרוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דִי טֶעג פוּן חֲנוּכָּה, מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אַז 'חֲנוּכָּה' אִיז פוּנֶעם לָשׁוֹן 'חִינוּךְ', עֶס אִיז טֶעג וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט צוּ מְחַנֵךְ זַיין דִי שְׁטוּבּ.

## • חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת

### דִי עֶרְשְׁטֶע נְקוּדָה, אַ מַאמֶע דַארְף עֶסְן גוּט אוּן שְׁלָאפְן גוּט

אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (יוֹרֶה דֵעָה, סִימָן רמה) אִיז דָא אַ גַאנְצֶע סִימָן פוּן 'הִלְכוֹת מְלַמְדִים', הַלָכוֹת פַאר מְלַמְדִים, אֵיינֶע פוּן דִי הַלָכוֹת אִיז (שָׁם, רָמָ"א סְעִיף יז): **"וְאֵין לִמְלַמֵּד לִנְעֹר בַּלַּיְלָה יוֹתֵר מִדַּאי, שֶׁלֹּא יִהְיֶה עָצֵל בְּיוֹם לְלַמֵּד"**, אַ מְלַמֵד דַארְף שְׁלָאפְן בַּיינַאכְט גֶעהֶערִיג, עֶר טָאר נִישְׁט גֵיין בַּיינַאכְט צוּ קַיין שְׂמְחוֹת, אוֹיבּ עֶר גֵייט בַּיינַאכְט צוּ אַ שִׂמְחָה אוּן גֵייט נִישְׁט שְׁלָאפְן צַייטְלֶעךְ מוּז עֶר נֶעמֶען אַ צְוֵוייטֶער וָואס זָאל אִים אִיבֶּער נֶעמֶען אוֹיף דֶעם טָאג אַנְשְׁטָאט אִים. אַזוֹי וִוי אֵיינְס מִיט אֵיינְס אִיז צְוֵויי – דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - אַ מְלַמֵד וָואס גֵייט אַרַיין אִין כִּתָּה מִיד, נִישְׁט אוֹיסְגֶערוּט, אִיז זִיכֶער אַז עֶר גֵייט הַיינְט שְׁלָאגְן, עֶר גֵייט הַיינְט שְׁרַייעֶן, עֶר גֵייט הַיינְט פַארְשֶׁעמֶען אֵיינֶעם, עֶר גֵייט הַיינְט אוּמְגְלִיקְלִיךְ מַאכְן דִי קִינְדֶער.

שְׁטֵייט וַוייטֶער אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (שָׁם): **"וְכֵן לֹא יִתְעַנֶּה, אוֹ לַעֲצֹר בְּמַאֲכָל וּמִשְׁתֶּה"**, אַ מְלַמֵד טָאר

# הִיזוּק פַּאר מְלַמְּדִים

## • בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער

אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּנֶעם 'דַף שִׁיעוּר' פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

**הֶערְלִיכֶע דִיבּוּרִים וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶערֶעדְט צוּ דִי מְלַמְּדִים נָאכְ'ן פָארְלֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא,** (דִינְסְטָאג פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן).

### בֶּעטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער

עֶלְטֶערְן דַארְפְן גֶעדֶענְקֶען צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַלֶע קִינְדֶער, נִישְׁט נָאר אוֹיף דִי שְׁוֶוערֶע קִינְדֶער. אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט אֵיין קִינְד, זֵיי הָאבְּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט צוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן סְפֶּעצִיעֶל אוֹיף דֶעם קִינְד, אוּן אַחֲרֵי כִּכְלוֹת הַכֹּל, נָאכְדֶעם וָואס אַלֶע קִינְדֶער הָאבְּן חֲתוּנָה גֶעהַאט, הָאט זִיךְ עֶפֶּעס אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְט אַז דֶער גֶעוֶועזֶענֶער 'שְׁוֶוערֶער קִינְד' הָאט אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אַ הֶערְלִיכֶע מִשְׁפָּחָה, עֶר הָאט זִיךְ הֶערְלִיךְ אַוֶועק גֶעשְׁטֶעלְט, אוּן דִי אַנְדֶערֶע 'גָאלְדֶענֶע קִינְדֶער' וָואס מֶען הָאט נִישְׁט גֶעשְׁפִּירְט וִויכְטִיג צוּ בֶּעטְן אוֹיף זֵיי, קֶענֶען זִיךְ עֶפֶּעס נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן.

קוּמְט אוֹיס אַז דִי תְּפִלּוֹת וָואס דִי עֶלְטֶערְן הָאבְּן אַרַיין גֶעלֵייגְט פַאר דֶעם קִינְד וָואס מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט אַן עֵצָה גֶעבְּן - הַיְנוּ דְאַהֲנֵי לֵיהּ, דָאס בַּאגְלֵייט אִים וַוייטֶער, עֶר זָאל אַזוֹי שַׁיין מַצְלִיחַ זַיין יָארְן שְׁפֶּעטֶער אִין לֶעבְּן. זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר אַלֶע קִינְדֶער צוּגְלַייךְ.

אָפְּגֶערֶעדְט אִין חֵדֶר, וֶוען מֶען הָאט אַ כִּתָּה פוּן שְׁטִילֶע קִינְדֶער אוּן ווִילְדֶע קִינְדֶער, טָאר מֶען זִיכֶער נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דִי ווִילְדֶע לֶעבֶּעדִיגֶע קִינְדֶער, וַוייל עַל פִּי רוֹב, דִי ווִילְדֶע קִינְדֶער, דִי קִינְדֶער מִיט וֶועם מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט אַן עֵצָה גֶעבְּן, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף לְשֵׁם וּלְתִפְאֶרֶת, זֵיי וַואקְסְן אוֹיף גַּבָּאִים, מַשְׁגִּיחִים, מַגִּידֵי שִׁיעוּר אוּן רָאשֵׁי יְשִׁיבוֹת, אוּן דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער דַארְף מֶען מִתְפַּלֵּל זַיין אַז זֵיי זָאלְן זַיין עֶרְלִיכֶע אִידְן, זֵיי זָאלְן מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְּן.

### אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיךְ הָאבּ נֶעכְטְן גֶעשְׁרִיבְּן אִינֶעם 'מִכְתָּב יוֹמִי' [יוֹם ב' פַּרְשַׁת מַטּוֹת מַסְעֵי, שְׁנַת תשפ"ב] וָואס מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶבּ'עֶר חָסִיד, עֶר פְלֶעגְט קוּמֶען אִין שׁוּל מִיט זַיין זוּן פוּן פִינְף יָאר אַלְט, עֶר פְלֶעגְט צוּגֵיין צוּם אָרוֹן הַקּוֹדֶשׁ אוּן אִים אוֹיסְגֶעלֶערְנְט צוּ בֶּעטְן אַ תְּפִלָּה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "**וָואס אִיז דָאס? וָואס טוּסְטוּ דָא?**" הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "**אִיךְ וִויל אוֹיסְלֶערְנֶען מַיין זוּן וִוי אַזוֹי צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; יֶעצְט וֶוען עֶר אִיז נָאךְ יוּנְג וִויל אִיךְ אִים אוֹיסְלֶערְנֶען דִי זַאךְ פוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת**".

דָא אִין שְׁטֶעטְל קֶען מֶען עֶס גְרִינְג טוּן; אִיךְ טוּ עֶס אוֹיךְ מִיט מַיינֶע קִינְדֶער אִין שְׁטָאט, אָבֶּער אִיךְ דַארְף אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז דִי גַאסְן זָאלְן זַיין לֵיידִיג פוּן מֶענְטְשְׁן אוּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין אוֹיפְפַאלְנְד, וַוייל אַז דוּ זִינְגְסְט אוּן שְׁרֵייעֶסְט אִין גַאס וֶועלְן מֶענְטְשְׁן אַרוֹיס קוּקְן פוּן פֶענְסְטֶער אוּן טְרַאכְטְן אַז דָא וָואקְסְט אַ חֲסַר דֵעָה... אָבֶּער אִין שְׁטֶעטְל אִיז דָאךְ נִישְׁט דָא וֶוער עֶס זָאל הֶערְן, קֶען מֶען רוּאִיג שְׁפַּאצִירְן מִיט דִי קִינְדֶער אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַפִילוּ אִיךְ וואוֹין אִין שְׁטֶעטְל הֶעכֶער דֶעם בֵּית הַמִּדְרָשׁ, גֵיי אִיךְ אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן מִיט מַיינֶע קִינְדֶער שַׁבָּת נָאכְמִיטָאג, מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מִיר זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "**שְׁכוּחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער**".

אַ קִינְד וָואס וַואקְסְט אוֹיף מִיט עֶלְטֶערְן וָואס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס פַּאסִירְט אִין שְׁטוּבּ - רֶעדְט מֶען פוּן אֱמוּנָה; דִי קִינְדֶער וֶועלְן זִיךְ אוֹיךְ אַזוֹי אוֹיפְפִירְן וֶוען זַאכְן גֵייעֶן פַארְקֶערְט, ווִידֶער אוֹיבּ דִי עֶלְטֶערְן שְׁרֵייעֶן אוּן רֶעגְן זִיךְ, וֶועלְן דִי קִינְדֶער אוֹיךְ שְׁרֵייעֶן אוּן זִיךְ אוֹיפְרֶעגְן.

# הִיזוּק פַּאר דִי אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ — הַמְשֵׁךְ

## • חִינוּךְ הַבָּנִים וְהַבָּנוֹת

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

נִישְׁט אַרַיינְגֵיין אִין כִּתָּה פַאר עֶר עֶסְט. וֶועגְן דֶעם מַאכְט מֶען נִישְׁט גֶעהֶערִיג קַיין חֵדֶר אַ טָאג וָואס מֶען פַּאסְט, וַוייל דֶער מְלַמֵּד טָאר נִישְׁט זַיין מִיט דִי קִינְדֶער אוֹיבּ עֶר פַּאסְט, עֶר קֶען זַיין אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע מוּט. אַזוֹי וִוי אֵיינְס מִיט אֵיינְס אִיז צְוֵויי — דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ - אַ מְלַמֵּד וָואס אִיז אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע מוּט, אִיז זִיכֶער אַז עֶר וֶועט שְׁלָאגְן, שְׁרֵייעֶן, טְשֶׁעפֶּען אוּן פַארְשֶׁעמֶען!

יֶעצְט רֶעדְט מֶען צוּ עֶלְטֶערְן; עֶלְטֶערְן דַארְפְן ווִיסְן אַז יֶעדֶע אִידִישֶׁע מַאמֶע אִיז אַזוֹי וִוי אַ מְלַמֵּד, אוּן מֶען דַארְף לֶערְנֶען מִיט אִיר הִלְכוֹת מְלַמְּדִים; דִי צְוֵויי הֲלָכוֹת גֵייט אָן בַּיי יֶעדֶע פְרוֹי, אַ מַאמֶע דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן גוּט אוּן שְׁלָאפְן גוּט. אוֹיבּ אַ פְרוֹי עֶסְט נִישְׁט אָדֶער שְׁלָאפְט נִישְׁט חַס וְשָׁלוֹם, וֶוער וֶועט לֵיידְן פוּן דֶעם? אִירֶע קִינְדֶער אוּן אִיר מַאן!

### כַּאפְּן אַ דְרִימְל אִינְמִיטְן טָאג

עֶס אִיז דָא פְרוֹיעֶן וָואס פַאר זֵיי אִיז נִישְׁט גֶענוּג צוּ שְׁלָאפְן נָאר דִי פָּאר שָׁעָה בַּיינַאכְט, דָאס גֶעבְּט זֵיי נִישְׁט גֶענוּג כֹּחַ, זָאל זִי כַּאפְּן אַ דְרִימְל אִינְמִיטְן טָאג. טְרַאכְטְס נִישְׁט 'אִיךְ זָאל שְׁלָאפְן בַּייטָאג?! אִיךְ דַארְף דָאךְ אַרוֹיסְגֵיין עֶרְלֶעדִיגְן, עֶס אִיז נִישְׁט קַיין נָארְמַאלֶע זַאךְ צוּ שְׁלָאפְן בַּייטָאג...' - עֶס אִיז זֵייעֶר אַ נָארְמַאלֶע זַאךְ אַז אַ פְרוֹי וָואס הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער זָאל כַּאפְּן אַ דְרִימְל אִינְמִיטְן טָאג.

אַ פְרוֹי וָואס דַארְף הָאבְּן אַ דְרִימְל אִינְמִיטְן טָאג אִיז נִישְׁט אַז זִי 'קֶען' עֶס טוּן, נָאר זִי 'מוּז' עֶס טוּן, וַוייל בַּאלְד דְרֵיי אַזֵייגֶער קוּמֶען שׁוֹין דִי קִינְדֶער אַהֵיים, אוּן אוֹיבּ אִיז מֶען אִיבֶּער גֶעשְׁטְרֶענְגְט וֶועלְן דִי קִינְדֶער לַיידְן פוּן דֶעם!

### עֶסְן מַאכְט דִי מוּט

אַ אִידִישֶׁע מַאמֶע דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן צוּ עֶסְן גוּט אוּן זַיין אִין אַ גוּטֶע גוּסְטֶע. אִין עֶנְגְלִישׁ אִיז דָא אַ וָוארְט: "עֶסְן מַאכְט דִי מוּט", אַז מֶען עֶסְט גוּט וֶוערְט מֶען אִין אַ גוּטֶע מוּט.

מֶען זֶעט אִין דִי תּוֹרָה אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ וֶוען דִי שְׁבָטִים הָאבְּן אַרַיין גֶעוָוארְפְן זֵייעֶר בְּרִידֶער יוֹסֵף אִינֶעם גְרוּבּ, שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לז, כה): "**וַיֵּשְׁבוּ לֶאֱכָל לֶחֶם**", דִי שְׁבָטִים הָאבְּן זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶסְן אַ סְעוּדָה. אַלֶע סְפָרִים פְרֶעגְן דִי קַשְׁיָא, וָואס הֵייסְט? דוּ וַוארְפְסְט אַרַיין דַיין בְּרוּדֶער אִין אַ גְרוּבּ מִיט שְׁלֶענְג אוּן שְׁלֶעכְטֶע חַיּוֹת, אוּן דוּ זֶעצְט זִיךְ עֶסְן אַ סְעוּדָה נֶעבְּן דֶעם גְרוּבּ? אַפִילוּ אַ גוֹי וָואלְט עֶס נִישְׁט גֶעטוּן?!

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בְּנֵי יִשָּׂשכָר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר אַגְרָא דְכַלָּה פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב) אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, דִי שְׁבָטִים הָאבְּן גֶעטְרַאכְט 'אֶפְשָׁר זֶענֶען מִיר נִישְׁט גֶערֶעכְט מִיט דֶעם וָואס מִיר הָאבְּן אַרַיין גֶעוָוארְפְן יוֹסֵף אִין גְרוּבּ, קֶען זַיין מִיר הָאבְּן עֶס פָּשׁוּט גֶעטוּן וַוייל מִיר זֶענֶען הוּנְגֶערִיג, מִיר זֶענֶען אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע גוּסְטֶע', הָאבְּן זֵיי זִיךְ שְׁנֶעל גֶעזֶעצְט עֶסְן כְּדֵי נָאכְאַמָאל אִיבֶּער צוּ גֵיין דִי גַאנְצֶע הֲלָכָה צִי עֶס קוּמְט זִיךְ אִים טַאקֶע דֶעם שְׁטְרָאף, צִי מֶען דַארְף אִים טַאקֶע הַרְגְ'עֶנֶען.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם וִוי וִויכְטִיג עֶס אִיז פַאר אַ פְרוֹי זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט זִיךְ אַלֵיינְס. צוּפְרִי וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף זָאל מֶען טְרִינְקֶען אַ קַאוֶוע, נָאכְדֶעם עֶסְן אַ גוּטֶע פְרִישְׁטָאג, אוּן פַאר דִי קִינְדֶער קוּמֶען אַהֵיים זָאל מֶען עֶסְן אַ גוּטֶע לָאנְטְשׁ, אוּן שְׁלָאפְן גֶענוּג, אַז מֶען זָאל זַיין אִין אַ גוּטֶע מוּט, מֶען זָאל זַיין אוֹיסְגֶערוּט צוּ דִי קִינְדֶער, מֶען זָאל קֶענֶען מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער, אוּן קֶענֶען גֶעבְּן לִיבְּשַׁאפְט פַאר דִי קִינְדֶער.

(גֶענוּמֶען פוּן אַ חִיזוּק שְׁמוּעֶס מָאנְטָאג וַיְחִי שְׁנַת תשע"ח לִפְרָט קָטָן)

# בְּרִיוְון פוּן חִינוּךְ

פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## וָואס טוּ אִיךְ אַז מַיין שְׁוֶוער בְּרֶענְגְט אַרַיין אַ סְמַארְטְפָאוֹן?

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר דִי שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק, אִיךְ בִּין הַיינְט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִינְגַאנְצְן אַן אַנְדֶערֶער מֶענְטְשׁ, אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶערְנֶען שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, אִיךְ גֵיי יֶעצְט עֶנְדִיגְן תַּנַ"ךְ צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל אִין מַיין לֶעבְּן, אוּן אִין דִי אַנְדֶערֶע שִׁיעוּרִים בִּין אִיךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם אוֹיךְ זֵייעֶר שֵׁיין מַצְלִיחַ.

אִיךְ הָאבּ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן וֶועגְן מַיין שְׁוֶוער. עֶר קוּמְט צוּ מִיר אַהֵיים אוּן עֶר וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער קְלִיפְּס אוֹיף זַיין אֵייפָאוֹן. אִיךְ פְרוּבִיר אִים צוּ זָאגְן אַז בַּיי אוּנְז קוּקְט מֶען נִישְׁט דִי זַאכְן, אָבֶער עֶר זָאגְט אַז אַבִּיסְל מֶעג מֶען יָא, אוּן אַז מֶען דַארְף אוֹיסְלֶערְנֶען דִי קִינְדֶער וָואס מֶען מֶעג זֶען אוּן וָואס מֶען טָאר נִישְׁט זֶען.

עֶר אִיז אַ בִּיזְנֶעס מַאן, עֶר פָּארְט אַסַאךְ אִיבֶּער דִי וֶועלְט, אוּן מִיר הָאבְּן נִישְׁט אַלְץ אַ וֶועג וִוי אַזוֹי אַנְצוּקוּמֶען צוּ אִים, דֶערִיבֶּער זָאגְט עֶר אוּנְז אַלְץ אַז מִיר זָאלְן אַרַיינְנֶעמֶען דִי כֵּלִים אִינְדֶערְהֵיים כְּדֵי צוּ קֶענֶען אָנְהַאלְטְן אַ קֶשֶׁר מִיט אִים.

אוֹיךְ הָאבְּן מִיר אַ שְׁאֵלָה וָואס צוּ טוּן וֶוען עֶר אִיז בַּיי אוּנְז אוֹיף שַׁבָּת, מִיר וֵוייסְן נִישְׁט אוֹיבּ מִיר קֶענֶען יוֹצֵא זַיין קִידּוּשׁ פוּן אִים, צִי מֶען מֶעג טְרִינְקֶען פוּן זַיין וַויין, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער לְגַבֵּי אַנְדֶערֶע הֲלָכוֹת, וָואס אִיז זַיין דִין?

אוֹיךְ מַאכְט זִיךְ אַז עֶר רֶעדְט אַמָאל זַאכְן וָואס מֶען רֶעדְט נִישְׁט אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ.

אִיךְ הָאף דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר גֶעבְּן הַדְרָכָה וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן. בִּיז יֶעצְט הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט נָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער, אָבֶּער יֶעצְט הוֹיבְּן זֵיי שׁוֹין אָן צוּ פַארְשְׁטֵיין אַבִּיסְל, אוּן מִיר מוּזְן וִויסְן וָואס זֵיי צוּ זָאגְן אוּן וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט זֵיי.

יְיַשֶׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס

**תְּשׁוּבָה:**

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ – יוֹם ב' פַּרְשַׁת וָאֵרָא, כ"ג טֵבֵת, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אַשְׁרֶיךָ וְאַשְׁרֵי חֶלְקְךָ אַז דוּ לֶערְנְסְט אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶּרֶךְ הַלִּימוּד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (כַּמְּבֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו); וֶוער עֶס נֶעמְט אָן דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער בִּתְמִימוּת וּבִפְשִׁיטוּת אִיז זוֹכֶה צוּ גָאר שֵׁיינֶע זַאכְן, מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ מְטַיֵּיל זַיין בְּכָל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ אוּן צוּ זַיין דָּבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיף דַיינֶע פְרַאגֶעס וָואס דוּ פְרֶעגְסְט וֶועל אִיךְ דִיר עֶנְטְפֶערְן עַל רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן וְעַל אַחֲרוֹן אַחֲרוֹן:

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז אַ וֶועג צוּ קֶענֶען זַיין עֶרְלִיךְ אוּן הֵיילִיג אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט אוֹיךְ מְכַבֵּד זַיין דִי עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ זֵיי פִירְן זִיךְ אַנְדֶערְשׁ וְכוּ'.

בְּנוֹגֵעַ דַיין שְׁוֶוער וָואס עֶר קוּמְט אִין שְׁטוּבּ אוּן וַוייזְט פַאר דִי קִינְדֶער קְלִיפְּס וְכוּ'; וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז כִּיבּוּד אָב וָאֵם אִיז זֵייעֶר אַ הַארְבֶּע מִצְוָה אוּן מֶען דַארְף זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי כָּבוֹד פוּן עֶלְטֶערְן. דֶער רַמְבַּ"ם שְׁרַייבְּט (פֶּרֶק ה' מֵהִלְכוֹת מַמְרִים, הֲלָכָה טו): "כָּל הַמְבַזֶּה אָבִיו אוֹ אִמּוֹ אֲפִילוּ בִּדְבָרִים וַאֲפִלּוּ בִּרְמִיזָה, הֲרֵי זֶה אָרוּר מִפִּי הַגְּבוּרָה", אוֹיבּ מֶען פַארְשֶׁעמְט עֶלְטֶערְן אֲפִילוּ נָאר מִיט וֶוערְטֶער, אָדֶער אֲפִילוּ נָאר בִּרְמִיזָה – אִיז מֶען שׁוֹין פַארְשָׁאלְטְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט עֶלְטֶערְן צוּ רֶעדְן צוּ זֵיי בְּדֶרֶךְ כָּבוֹד, מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ אוּן הַכְנָעָה.

וואויל אִיז דִיר אַז דוּ נֶעמְסְט נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ קַיין שׁוּם סָארְט כֵּלִי וָואס עֶרְלִיכֶע אִידְן נֶעמֶען נִישְׁט אַרַיין אִין שְׁטוּבּ אוּן דוּ וִוילְסְט אוֹיפְצוּעֶן עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע דוֹרוֹת, אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְפְסְטוּ וִויסְן אַז דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער חִינּוּךְ פַאר דִי קִינְדֶער אִיז זֵיי וַוייזְן וִוי מֶען שֶׁעצְט דִי עֶלְטֶערְן; קִינְדֶער קֶען מֶען נִישְׁט אוֹיסְשְׁפִּילְן, קִינְדֶער וֵוייסְן אַלֶעס אוּן כַאפְּן אַלֶעס אוֹיף. אֲפִילוּ וֶוען מֶען פִירְט זִיךְ מֶער אָפְּגֶעהִיטְן וִוי דִי עֶלְטֶערְן וְכוּ' טָאר מֶען נִישְׁט רֶעדְן צוּ זֵיי מִיט חוּצְפָּה אוּן זִלְזוּל, מֶען טָאר נִישְׁט אַוֶועק מַאכְן דִי עֶלְטֶערְן וִוי אַזוֹי זֵיי פִירְן זִיךְ, נָאר מֶען דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר זֵיי אוּן פַאר אַלֶע אִידְן אַז אַלֶע זָאלְן תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ פִירְן עַל דֶּרֶךְ הַתּוֹרָה.

אַז דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיין שְׁוֶוער אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט וֶועסְטוּ וַוייטֶער זַיין שְׁטַארְק מִיט דַיין וֶועג פוּן חִינּוּךְ וְכוּ' – וֶועט דַיין שְׁוֶוער אַלֵיינְס הָאבְּן שֵׂכֶל נִישְׁט צוּ קוּמֶען צוּ דִיר מִיט דֶעם וְכוּ', עֶר וֶועט אַלֵיינְס אוֹיפְהֶערְן וַוייזְן פַאר דַיינֶע קִינְדֶער קְלִיפְּס וְכַדּוֹמֶה.

דוּ קֶענְסְט אִים זָאגְן מִיט גְרוֹיס דֶּרֶךְ אֶרֶץ, מִיט גֶעמָאסְטֶענֶע וֶוערְטֶער פַאר עֶר קוּמְט צוּ דִיר אִין שְׁטוּבּ, אַז דוּ בִּיסְט מְחַנֵּךְ דִי קִינְדֶער זֵיי זָאלְן זַיין אָפְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן דִי כֵּלִים וְכוּ', אוּן אַזוֹי לֶערְנְט מֶען מִיט זֵיי אִין חֵדֶר אוּן אִין סְקוּל, אוּן אַז זֵיי זֶעעֶן דָאס בַּיי זֵייעֶר זֵיידֶע טוּט עֶס זֵיי צֶעמִישְׁן; אַז דוּ וֶועסְט אִים דָאס זָאגְן מִיט דֶּרֶךְ אֶרֶץ, נִישְׁט אוֹיף אַן אוֹפָן אַז דוּ לֶערְנְסְט אִים וָואס צוּ טוּן, נָאר אַז דָאס צֶעמִישְׁט דִי קִינְדֶער – וֶועט עֶר זִיכֶער מֶער נִישְׁט קוּמֶען צוּ דִיר מִיט דֶעם.

ב) אוֹיף דַיין צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע, אַז עֶר בֶּעט אִיר זָאלְט אַרַיינְנֶעמֶען אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער אַז עֶר זָאל קֶענֶען רֶעדְן וְכוּ'; וָואס זָאל אִיךְ דִיר זָאגְן, הוּנְדֶערְטֶער שְׁטוּבֶּער זֶענֶען שׁוֹין לֵיידֶער חָרוּב גֶעוָוארְן פוּן דֶעם וָואס מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין שְׁטוּבּ אַ קָאמְפְּיוּטֶער, טֶעבְּלֶעט, אֵייפַּאד, אֵייפֶּעד וְכוּ' וְכוּ'. דָאס רַייסְט אַרוֹיס יֶעדֶעס בְּרֶעקְל יִרְאַת שָׁמַיִם, עֶס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה, עֶס אִיז גוֹרֵם אַז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ זָאל צֶעפַאלְן, אוּן צוּם סוֹף פַאלְט מֶען אַרָאפּ אִין זֵייעֶר אַ טִיפֶע אָפְּגְרִינְד. דֶערְפַאר אִיז אָסוּר צוּ הָאבְּן אִין שְׁטוּבּ סַיי וָואס פַאר אַ כְּלִי וֶועלְכֶע מֶען קֶען מְחַבֵּר זַיין צוּם אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער וָואס מֶען קֶען זֶען דֶערוֹיף מַאוִויס. דָאס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן מִיט פְרוּמְקֵייט, דָאס אִיז פָּשׁוּט'ע שֵׂכֶל; אוּן דִי אַלֶע וָואס לַאכְן זִיךְ אוֹיס דֶערְפוּן, זֵיי לַאכְן אָפּ פוּן עֶרְלִיכֶע אִידְן וָואס זָאגְן אַז מֶען זָאל דָאס נִישְׁט אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אִין שְׁטוּבּ, דִי מַאכְן לֵיצָנוּת פוּן זִיךְ אַלֵיינְס אוּן זֵיי וֶועלְן בַּאצָאלְן אַ טֵייעֶרֶע פְּרַייז הַשֵּׁם יְרַחֵם.

ג) אוֹיף דַיין דְרִיטֶע פְרַאגֶע; דוּ שְׁרַייבְּסְט נִישְׁט פַארְוָואס מֶען קֶען נִישְׁט יוֹצֵא זַיין קִידּוּשׁ פוּן אִים וְכוּ'. דוּ קֶענְסְט נוּצְן פַאר קִידּוּשׁ מָאסְט וְכַדּוֹמֶה לָזֶה וָואס הָאט נִישְׁט דִי אַלֶע שְׁאֵלוֹת, אָבֶער חַס וְשָׁלוֹם מַאכְן אַ פִּירוּד לְבָבוֹת צְוִוישְׁן אִירֶע עֶלְטֶערְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז אִין דֶעם זְכוּת וָואס דוּ וֶועסְט מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן דַיין וַוייבְּ'ס עֶלְטֶערְן זָאלְסְטוּ זֶען נַחַת בַּיי דַיינֶע קִינְדֶער.

...

(ספר עצתו אמונה חלק ו', מכתב תקטו)


צו באקומען וועכנטליך דעם גליון, ביטע שרייבט צו: jhbul1234@gmail.com

קול ברסלב

קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה און נאך
212-444-9191 / 845-351-0910
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 4383008080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינע 11552354370

קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספּיס; און נאך
845-351-9060 / 212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
חיזוק יומי אימעיל chizikyomi@gmail.com/ טעלעפאן מעסידזשינג 347-630-2876